בעזרת השם יתברך

גליון
# סיפורי מעשיות
פארן שבת טיש

פרשת ראה
כ"ה אב ה'תשפ"ג
שנה 4, גליון 22, (109)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

| הֶמְשֵׁךְ פוּן פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ |

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועְן אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר. דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער. דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיטְגֵיין מִיטְ'ן בֶּעטְלֶער, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גֶעזָאגְט מֶען קֶען נִישְׁט מִיטְקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעווּאוּנְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִים.

נָאכְדֶעם וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער. אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, מִיט זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס; אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, אַ טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס. שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן וַואלְד, וֶוען זֵיי זֶענֶען גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶועְן אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

בַּיים 'עֶרְשְׁטְן טָאג' פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּ אִים רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ, אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין בְּלִינְד, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט וֶוערְד אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער אַז דֶעם 'צְוֵוייטְן טָאג' פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה ווִידֶער דֶערְמַאנְט אִין דֶעם טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט 'וואוּ נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער וָואס הָאט אוּנְז מְחַיֶּה גֶעוֶועְן'. ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִים רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין דָא. אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ, אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַזַא חַיִּים טוֹבִים אַזוֹי ווִי אִיךְ. אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ. אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט טוֹיבּ. נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶרֶע חֶסְרוֹנוֹת.

דֶערְצֵיילְט דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער: אִיךְ הָאבּ אַן הַסְכָּמָה פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת אַז אִיךְ לֶעבּ אַ חַיִּים טוֹבִים. עֶס אִיז דָא אַ מְדִינָה פוּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, אֵיינְמָאל זֶענֶען זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען אַלֶע עֲשִׁירִים פוּן יֶענֶע לַאנְד, יֶעדֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חַיִּים טוֹבִים. הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיךְ לֶעבּ אַ בֶּעסֶערֶע חַיִּים טוֹבִים פוּן עֶנְק. וְהָא רְאָיָה. אוֹיבּ לֶעבְּט אִיר אַ חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט דֶער מְדִינָה וָואס הָאט אַ גָארְטְן וָואס אִין דֶעם אִיז גֶעוֶועְן פֵּירוֹת וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים, אַלֶע רֵיחוֹת אוּן אַלֶע מַרְאוֹת וָואס אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט. אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ מֶלֶךְ אַכְזָר, דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אוּן הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אִין דֶער מְדִינָה דְרֵיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דְרֵיי סָארְט עֲבֵירוֹת וָואס דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם טַעַם, רֵיחַ אוּן מַרְאֶה פוּנֶעם גָארְטְן, דֶערְפַאר אוֹיבּ לֶעבְּט אִיר אַ חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט דֶער מְדִינָה.

דִי עֲשִׁירִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן דֶעם מְדִינָה, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער, דָאס אִיז דֶעם צַדִּיק'ס חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן אוּן עֶס אִיז פַארְרָאכְטְן גֶעוָוארְן דֶער טַעַם, רֵיחַ אוּן מַרְאֶה.

אִיךְ בִּין אַרַיין אִינֶעם מְדִינָה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען פוּן וֶועלְכֶע דְרֵיי עֲבֵירוֹת דֶער גָארְטְן אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן; דוּרְךְ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער טַעַם, אַז אַלֶע טַעֲמִים הָאבְּן אַ טַעַם פוּן נְבֵלָה, דוּרְךְ נֶעמֶען שֹׁחַד אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דִי מַרְאֶה, אַז עֶס אִיז זֵיי טוּנְקְל גֶעוָוארְן פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן דוּרְךְ נִיאוּף אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער רֵיחַ.

### הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק הָאט דִי לֶעבְּן אַ טַעַם, אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אָן אַ צַדִּיק וֶוערְט דִי לֶעבְּן מוֹרָא'דִיג בִּיטֶער. בִּפְרַט אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף מֶען נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

### רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי רֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת

מִיר הָאבְּן פְרַייטָאג גֶעהַאט אִין דִי גְמָרָא אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, [אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא]. דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (נְדָרִים סו:): "**הַהוּא דַּאֲמַר לִדְבֵיתְהוּ קוּנָּם שֶׁאִי אַתְּ נֶהֱנֵית לִי עַד שֶׁתַּרְאִי מוּם יָפֶה שֶׁבִּיךְ לְרַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי**", אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ, אִיךְ מַאךְ אַ נֶדֶר אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן מִיר, בִּיז דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי ווַייזְן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן דִיר.

פַארְוָואס הָאט עֶר אִיר פוּנְקְט גֶעשִׁיקְט צוּ רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי? נָאר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶועְן מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט עֶר אִיר גֶעשִׁיקְט צוּ רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי אִים צוּ זָאגְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִיר ווַייל זִי אִיז נִישְׁט שֵׁיין.

"**אָמַר לָהֶם שֶׁמָּא רֹאשָׁהּ נָאֶה? אָמְרוּ לוֹ סְגַלְגַּל**", רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי הָאט גֶעפְרֶעגְט, אֶפְשָׁר אִיז אִיר קָאפּ שֵׁיין? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין, זִי הָאט אַ רִינְדֶעכִיגֶע קָאפּ, אַזוֹי ווִי אַ רֶעדְל, "**שֶׁמָּא שְׂעָרָהּ נָאֶה? דּוֹמֶה לַאֲנִיצֵי פִשְׁתָּן**", אֶפְשָׁר אִיז אִיר הָאר שֵׁיין? - נֵיין, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ בֶּעזֶעם, "**שֶׁמָּא עֵינֶיהָ נָאוֹת? טְרוּטוֹת הֵן**", אֶפְשָׁר זֶענֶען אִירֶע אוֹיגְן שֵׁיין? - נֵיין, זִי הָאט רִינְדֶעכִיגֶע אוֹיגְן, "**שֶׁמָּא אָזְנֶיהָ נָאוֹת? כְּפוּלוֹת הֵן**", אֶפְשָׁר זֶענֶען אִירֶע אוֹיעֶרְן שֵׁיין? - נֵיין, זִי הָאט רִיזִיגֶע אוֹיעֶרְן, "**שֶׁמָּא חוֹטְמָהּ נָאֶה? בָּלוּם הוּא**", אֶפְשָׁר אִיז אִיר נָאז שֵׁיין? - נֵיין, זִי הָאט אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע נָאז, "**שֶׁמָּא שִׂפְתוֹתֶיהָ נָאוֹת? עָבוֹת הֵן**", אֶפְשָׁר זֶענֶען אִירֶע לִיפְּן שֵׁיין? - נֵיין, זִי הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶענֶע לִיפְּן, "**שֶׁמָּא צַוָּארָהּ נָאֶה? שָׁקוּט הוּא**", אֶפְשָׁר אִיז אִיר הַאלְז שֵׁיין? - נֵיין, זִי הָאט נִישְׁט קַיין הַאלְז, "**שֶׁמָּא כְּרֵיסָהּ נָאֶה? צָבֶה הוּא, שֶׁמָּא רַגְלֶיהָ נָאוֹת? רְחָבוֹת כְּשֶׁל אֲווָזָא**", אִיר בּוֹיךְ אִיז אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן, אִירֶע פִיס זֶענֶען אַזוֹי ווִי

קאַטשקע פּיס, **"שֶׁמָּא שְׁמָהּ נָאָה? לִכְלוּכִית שְׁמָהּ"**, פְרֶעגְט אִיר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי וִוי הֵייסְט זִי? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'לִכְלוּכִית', פַארְשְׁמִירְט, **"אָמַר לָהֶן יָפֶה קוֹרִין אוֹתָהּ לִכְלוּכִית שֶׁהִיא מְלוּכְלֶכֶת בְּמוּמִין"**, הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט, קוּמְט אוֹיס אַז זִי הָאט אַ שֵׁיינֶע נָאמֶען, וַוייל עֶס שְׁטִימְט מִיט אִיר אוֹיסְזֶען, "וְשַׁרְיַיהּ", אוּן עֶר הָאט אִיר מַתִּיר גֶעוֶוען הַנָּאָה צוּ הָאבְּן פוּן אִים.

## עֶכְט אִיז זִי גֶעוֶוען שֵׁיין

לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר אַ פֶּלֶא'דִיגֶע גְמָרָא, אִיז דָאס דֶען אַ שֵׁיינֶע נָאמֶען? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז אַזוֹי, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פִירְן זִיךְ צוּ רוּפְן דִי וַוייבּ בַּיים נָאמֶען, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס רוּפְן: **"הֶער נָאר"** אָדֶער **"קוּם אַהֶער"** וְכַדוֹמֶה, הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וִוי אַזוֹי רוּפְסְטוּ דַיין וַוייבּ?"** זָאגְט עֶר: **"אִיךְ רוּף אִיר 'לִכְלוּכִית', פַארְשְׁמִירְטֶע"**, זָאגְט אִים רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי: **"יָפֶה"**, בֶּאֱמֶת אִיז זִי שֵׁיין, **"קוֹרִין אוֹתָהּ לִכְלוּכִית שֶׁהִיא מְלוּכְלֶכֶת בְּמוּמִין"**, נָאר אַז דוּ רוּפְסְט אִיר פַארְשְׁמִירְטֶע, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ: **"דוּ הָאסְט אַ רִינְדֶעכִיגֶע קָאפּ, דַיין הָאר זֶעט אוֹיס וִוי אַ בֶּעזֶעם, דוּ הָאסְט רִינְדֶעכִיגֶע אוֹיגְן, דַיינֶע אוֹיעֶרְן זֶענֶען רִיזִיג, דַיין נָאז אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, דַיינֶע לִיפְּן זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן, דַיין הַאלְז אִיז קוּרְץ, דַיין בּוֹיךְ אִיז אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן, דוּ הָאסְט קַאטְשְׁקֶע פִּיס"** - אַוַדַאי אִיז זִי מִאוּס! דָאס מֵיינְט, עֶכְט אִיז זִי גֶעוֶוען שֵׁיין, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אִיר גֶערוּפְן מִיט דִי אַלֶע מִיאוּס'עֶ צוּנֶעמֶען - אִיז זִי גֶעוָוארְן מִאוּס.

מֶען קֶען פוּן יֶעדְן חוֹזֶק מַאכְן, מֶען קֶען אוֹיף יֶעדְן טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ שְׁפֶּעט וָוארְט, בִּפְרַט אוֹיף אַ וַוייבּ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): **"לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ"**, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵוייא טוּן דִי וַוייבּ, **"שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה"**, וַוייל דִי נַאטוּר בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז אַז זֵיי וֵויינֶען שְׁנֶעלֶער.

## אַן אוֹיסְנַאם אוֹיסְגֶעצֵייכֶנְטֶער מְלַמֵּד

דָאס אִיז וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ וִויסְן; מֶען דַארְף זַיין אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד. אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף אַ מְלַמֵּד אִין שְׁטֶעטְל, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם שְׁטָאק פוּנֶעם בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען, הָאט זִי גֶעהֶערְט וִוי אַ מְלַמֵּד פָּארֶעט זִיךְ מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אִין דִי הוֹיזְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערְן אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דֶעם, דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזֶעגֶענְט צוּם קִינְד מִיט וַוארֶעמְקֵייט: **"אֱמֶת דוּ בִּיסְט אַ וואוֹילֶער אִינְגֶל, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, דָאס קֶען גֶעשֶׁען בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט גֶעשֶׁען נָאכְאַמָאל"**, דָאס הֵייסְט אַן אוֹיסְנַאם אוֹיסְגֶעצֵייכֶנְטֶער מְלַמֵּד, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד וֵוייסְט עֶר אַז דֶער קִינְד הָאט אַ נְשָׁמָה; דֶער קִינְד כַאפְּט וִוי אַזוֹי מֶען זִינְגְט צוּ אִים.

וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ 'לִכְלוּכִית', - וֶוערְט עֶר אַ פַארְשְׁמִירְטֶער, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: **"דוּ בִּיסְט שֵׁיין"**, **"דוּ בִּיסְט יָא"**, **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, - בַּאקוּמְט עֶר אַ זִיכֶערְקֵייט צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

## שְׁטִיל אוּן פַארְמַאכְט

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען זִינְגְט צוּם קִינְד, אַז מֶען זִינְגְט צוּם קִינְד: **"בִּיסְט אַ וואוֹיל קִינְד"**, וֶועט עֶר וֶוערְן אַ וואוֹיל קִינְד, אוּן אַז דוּ זִינְגְסְט: **"לִכְלוּכִית"**, **"הָאסְט אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע נָאז"**, **"דוּ שְׁטִינְקְסְט"**, וֶועט עֶר וֶוערְן אַזוֹי הַשֵּׁם יְרַחֵם. אִיךְ וֵוייס פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטִיל אוּן פַארְמַאכְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלְץ גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס גֵייט פָּאר מִיט אִים, עֶס אִיז דָאךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַזוֹי פַארְמַאכְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט מוּז עֶר הָאבְּן אַ חַבֵר מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חֲתוּנָה: **"אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְט"**, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, אִין כִּתָּה א', הָאט עֶר אַיינְגֶעמַאכְט, דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים אַרָאפּ גֶעצוֹיגְן דִי הוֹיזְן אוּן גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים ווינְקֶל, עֶר הָאט אַ גַאנְצְן טָאג גֶעצֶעגֶערְט דֶעם קִינְד, אוּן גֶעזָאגְט: **"קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶער אִינְגְל"**, זַייט דֶעמָאלְט אִיז עֶר פַארְמַאכְט, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן הָאט שׁוֹין קִינְדֶער, אוּן דָאס לוֹיפְט אִים נָאכְאַלְץ נָאךְ!

## נִישְׁט זֶען קֵיין חִילוּק

עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט זֶען קֵיין חִילוּק צְוִוישְׁן אֵיין קִינְד אִינֶעם צְוֵוייטְן, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז אֵיינֶער אִיז מֶער קְלוּג וְכַדוֹמֶה; מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם. וַוייל וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִינְגֶען צוּם קִינְד אַזוֹי וֶועט עֶר וֶוערְן, טְרֶעף אִין יֶעדְן קִינְד אֵיין גוּטֶע זַאךְ אוּן זִינְגְט דָאס אַ גַאנְצְן טָאג צוּם קִינְד.

## נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף אִירֶע גוּטֶע זַאכְן

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת נג:): **"מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִידֶּמֶת"**, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גִדֶּמֶת, אַ פְרוֹי אָן הֶענְט, **"וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ"**, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּיז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַז זִי אִיז אַ פְרוֹי אָן הֶענְט, **"אָמַר רַב בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה צְנוּעָה אִשָּׁה זוֹ שֶׁלֹּא הִכִּיר בָּהּ בַּעֲלָהּ"**, זָאגְט רַב, מִן הַסְּתָם אִיז זִי גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִינְגַאנְצְן אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַ לַיילֶעךְ, אַז זִי הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְבַּאהַאלְטְן פוּן אִיר מַאן עֶר זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז זִי הָאט נִישְׁט קֵיין הֶענְט, **"אָמַר לוֹ רַבִּי חִיָּיא זוֹ דַּרְכָּהּ בְּכָךְ"**, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא: אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען צְנִיעוּת'דִיג, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶפֶּעס מֶער צְנִיעוּת'דִיג, **"אֶלָּא כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר בְּאִשְׁתּוֹ"**, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמוּזְט זַיין זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין וַוייבּ.

לִכְאוֹרָה אִיז דָאס אַ פֶּלֶא'דִיגֶע גְמָרָא, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען אוּן וִויסְן אַז זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קֵיין הֶענְט, נָאר פְּשַׁט אִיז, זִי הָאט יָא גֶעהַאט הֶענְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע הֶענְט, אִירֶע הֶענְט הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט רִיקְן, נָאר זִי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בַּאלֶעבָּאסְטֶע, אִיז דֶער אִיד גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג אֵיידְל אַז אִיר גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט אִיר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף אִירֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן דָאס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אוֹיסְגֶערִימְט.

וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט עֲבֵירוֹת אוּן קוּקְט עֲבֵירוֹת הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אִים נִמְאָס, מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם נְבֵלָה, אַז מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ פוּן נִיאוּף הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אַ טַעַם אִין חֲתוּנָה הָאבְּן, אַ טַעַם אִין אַהֵיים גֵיין, אַ טַעַם אִין אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, צוּ זִיצְן אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר זֵיי.

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן נִיאוּף? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעקֶענְט רֵיינִיגְן אַלֶע כִּתּוֹת מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט אוֹיס, וִוי נִיאוּף, רְצִיחָה, כָּבוֹד וְכוּ', דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ טַעַם, אַ חִיּוּת אִין לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אָמֵן.


קֹול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876